Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskve, 1941

יימרא עטיור יד נעגנאגעג זיא יוזא

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# אזוי איז געגאנגען די רויטע ארמיי

1

פון יאמען אפ דאָרעמ ביז צאָפנשן שניי
געגאנ איז אפ וואנדער די רויטע ארמיי!

היצ ניט קיינ היצ, אונ פראָסט ניט קיינ פראָסט,
קינדער אונ זקיינים די היימען פארלאָזט.

ווינט איז א כאווער, א פרײַנט אונ א גאסט,
ברויט ניט קיינ ברויט, נאָר געגערט זיכ מיט האס.

אונ ס'האָבנ גיבוירים געטאָנ זיכ א לאָז, —
פיס ניט באשוכט, אונ פאפאכעס פונ גראָז,

גווירע געגארטלט אפ רוק אונ אפ לענד,
אונ א געוויכער: — באטריגער פארלענד!

אונ מ'האָט זיי געגעבנ א יאָג אונ א ראמ
פונ וולאדיוואָסטאָק ביז דעמ באלטישנ יאמ.

לענטעס מיט קילנ, אונ קילנ מיט שריפט:
— גראָבט זיכ אײַכ, סאָנימ, א קייווערל טיפ!

אונ וועגנ, פארוואָרפנ ווי נעצנ, אפ זיי —
אזוי איז געגאנגען די רויטע ארמיי!

## 2

געשלײַפט, ווי א בליץ, איז די שארף פון דער שווערד,
עס שטראלט פון איר פרידן און רו אף דער ערד!

געוואגטקײַט אין טראָט, און די ביקס אין דער האנט —
עס שטייט איבער בערג רויטארמייער באם ראנד.

פארשטאָכן אין ווײַט איז דאָס אויג, ווי געווער,
און וואך איז דאָס הארץ, און פארשארפט דאָס געהער.

עס קלינגען ווי וווּנדער־געזאנגען נאָך אָפּ
פון פערד פון בודיאָנים דער הייסער גאלאָפּ,

דער בליציקער מארש, ווי מיט פליגל־געפעכ —
שטאָט־אײַן און שטאָט־אויס — איבער טײַכן און בערג.

די פאָן — אין דער הייך, און אין כמארעס — די קעפּ,
מיט ווינטן באנאנד איבער הילכיקן סטעפּ.

און ווײַטן דערמאָנען מיט שטילן פארטרוי
אינייינעם מיט זוניקן וועלדער־גערויש,

דערציילן די שפיצן פון בערג — וויאזוי
געשלאָגן דעם פײַנט האָט די רויטע ארמיי!

## 3

עס טראָגט זיך טשאפּײַעוו נאָך אום אף זײַן פערד,
די אויגן — פאָרויס, און די הענט — אין געפעכט.

וועלדער און פײַער זיך לאָזן נאָך אים,
ס'ענטפערן בערג פון דער ווײַט אף זײַן שטים.

שרעק איז צום סוינע פון ווײַט און פון נאָ׳נט,
א יעטווידן טײַך אינעם לאנד ז׳ער באקאנט.

ער שטייט באם הארמאט — אָנגעלאָדן און גרייט —
אוןווארט אפ קאָמאנדע און ווארט אפ זײַן ריי.

עס האָט אים קיין קויל און עס האָט אים קיין שווערד
אין שלאכט ניט ארונטערגעוואָרפן פון פערד.

עס הערט זיך זײַן טראָט, און זײַן גווורע שוין פליסט —
אין יעדן ארמייער, פילאָט און טאנקיסט.

מיט גרענעצלער ליגט ער אינײינעם פארטײַ׳ט,
די ראנדן ער היט פון נאָנט און פון ווײַט!

און מיט א ליד אין דער שטילקײַט פון שניי
טראָגט, ווי א שווערד, אים די רויטע ארמיי!

4

אין רום און אין וווּנדער — א ריי נאָך א ריי —
אזוי איז געגאנגען די רויטע ארמיי,

דעם סוינע א הייב טאָן אין דר׳הייך אפ דער שווערד,
געשאלט האָט די ווײַט פון געזאנג און געפעכט.

עס האָבן זיך מאכנעס באשווירן מיט בראנד,
פון גרענעץ ביז גרענעץ, פון ראנד ביז צו ראנד.

יאמען — פאנאנדערוויגט, כמארעס — אדורך
מיט א געפּאָך פון באפליגלטן שטורעם.

און רויטע מאטראָסן — דער פלאָט איז באשטאט, —
קלים וואָראָשילאָוו אפ אײַז פון קראָנשטאדט!

— פרײַ וועסטו, לאנד, זײַן, לײַבלעכער סטעפ!
ס'איז דער קאיאָר, ווי א פאָן איבער קעפ!

צאָרן אין פײַן און אין הערצער געשלײַפט —
הייסער פון פײַער און שווערער פון בלײַ.

און אפ דער שווערד מיט צעשטויב און פארוויי
דעם פײַנט האָט גענומען די רויטע ארמיי!

5

אפ אלע פיר זײַטן — צעקלאפ און צעזיי! —
דאָס איז דער געבאָט פון דער רויטער ארמיי.

נאָר ס'איז נאָך קיין צײַט זיך באקרויגן מיט רו,
עס קריכט, ווי א שלאנג, נאָך דער סוינע ארום. —

געוואג לעגענדארער פון שלאכט אפן רעיד
צו יעדער באפעל פונעם פירער איז גרייט!

דעם היימלאנד אפ שטאָלץ און דעם סוינע אפ ווײ —
אין פליגל זיך אָנגעטאָן האָט די ארמיי!

און אויב אפ דער ערד ער די שווערד האָט פארפרווּוט,
פארזוכן אצינד וועט ער זי אין דער לופט!

ס'צעוואקסט אין דער הייך, אין דער ברייט זיך דער שטאם,
און שיפן געפאנצערט מיט מוט אפן יאם!

מיט מעכטיקער קראפט און געפאנצערטע טראָט
די יאמען א הייב טאָן וועט גרייט זײַן דער פלאָט.

און ווי וועט צו סאָנים זײַן אלערליי
זיך טרעפן פונסניי מיט דער רויטער ארמיי!

6

און ס׳האָט זיך דעם סוינע פארפרווון געוואָלט
די גרויזאמע שווערד פון סאָוועטישן פאָלק!

איר גרויזאמע שארף, איר פארניכטנדן טאמ
אריבער די וואָלקנס, אף דר׳ערד, אפן יאם,

און מאכנעס באפליגלטע זין פונעם לאנד—
צום ראנד מיט די רויטע כאיאָלעס באנאנד;

די פיקעס — געשלײַפט, און די טאנקען — שוואליאָם,
און סטאלין — פאָרויס — דער געטרײַער נארקאָם!

געווירע געגארטלט אף רוק און אף לענד,
און א געוויכער: — באטריגער פארלענד!

די שלאנגיקע סוואסטיק, וואָס קריכט מיטן קרייץ,
דערווארג זי מיט בליי און מיט פײַער פארפלייץ!

לענטעס מיט קוילן, די קוילן — צעפראל!
איז גראָב זיך א קייווער דיר אויס, קאניבאל!

און ווארג זיך מיט פײַער אין לעצטן געשריי, —
אין שלאכטן איז גרויזאם די רויטע ארמיי!